# בײַ דער אַרבעט־פֿאַרמיטלונג

## פֿון לייזער בורקאָ

ווען איך האָב ערשט ערנסט אָנגעהויבן לערנען זיך ייִדיש מיט אַ יאָר צוריק, האָב איך נישט געוווּסט ווו אָנצוהייבן מיט דער גערעדטער שפּראַך. פֿאַרשטייט זיך, באַלד האָב איך אַנטעקט „יוגנטרוף" און איך בין געוואָרן אַ מיטגליד פֿון אַ סבֿיבֿה, אָבער דאָס איז נאָר געווען איין־צוויי שעה אַ וואָך, נישט גענוג צו לערנען זיך רעדן. ווי אַ סטודענט פֿון דײַטש האָב איך געוווּסט וואָס מע דאַרף טאָן – נאָך אַ יאָר אין דײַטשלאַנד האָב איך געקענט גוט דײַטש, האָב איך נאָר געדאַרפֿט געפֿינען ייִדישלאַנד. און צום גליק איז עס נישט געווען שווער – פּורים זײַנען איך און עטלעכע סטודענטן פֿון קאָלומביע און „דזשיי־טי־עס" געפֿאָרן קיין באָראָ־פּאַרק. מיר האָבן געטאַנצט מיט די חסידים, געהערט דרשות אויף ייִדיש, און געזען צוויי ייִדישע פּורים־שפּילן. ווען ס'איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אַ „ייִדישלאַנד", דאַרף עס זײַן אין ברוקלין – אויף קיין אַנדער אָרט האָב איך געזען אַזעלכע מאַסן, טויזנטער ייִדיש־רעדערס. קורץ נאָך דעם האָב איך באַשלאָסן צו זוכן אַרבעט אין אַ חסידישער געגנט, כּדי איך זאָל קענען לערנען זיך אַ היימיש ייִדיש. אָבער ווי אַזוי? אין אינטערנעץ, אויף „קרעגס ליסטע", האָב איך געפֿונען גאָרנישט. איין נאָכמיטיק בין איך אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן פֿון וויליאַמסבורג זוכן אַרבעט – איך האָב געפֿרעגט בײַ צענדליקער קראָמען און געשעפֿטן, נעבעך, אויף ענגליש. שוין דעמאָלט האָב איך געוווּסט, אַז די חסידים האָבן צו ווייניק אַרבעט פֿאַר זייער אייגענע יונגעלײַט, פֿאַר מיר פֿרעמדן האָבן זיי גאָרנישט. אָבער מע האָט מיר געווינטשט הצלחה און געזאָגט, אַז איך דאַרף פֿרעגן בײַ דער „אַרבעט־פֿאַרמיטלונג" אויף קלײַמער גאַס.

אַן אַנדער טאָג בין איך געקומען צו דעם אַדרעס פֿון דער „אַרבעט־פֿאַרמיטלונג" – אויף דער טיר געשריבן אויף ענגליש „פּראָדזשעקט קייר", זאָל קיין נישט־חסיד נישט פֿאַרבלאָנדזשן און קומען זוכן אַ שטעלע. דאָס ביוראָ איז געווען קליין, ס'זײַנען געווען בענקלעך און ספֿרים פֿאַר די וואָס וואַרטן אויף אַ זעונג, אַזוי ווי בײַ אַ דאָקטער. איך האָב געטאָן אַ קוק אין די ספֿרים – נישט אויף ייִדיש – האָב איך ווײַטער געלייענט מײַן ייִדש מעשׂה־ביכל: „די מיצווה־קינדער". וואַרטן קען מען אַ סך בײַ דער אַרבעט־פֿאַרמיטלונג – בעסער זאָל מען פֿאָדערן הילף, נישט וואַרטן מיט געדולד. אָבער איך האָב געוואַרט און סוף־כּל־סוף האָב איך געקענט רעדן מיט עמעצן – אַ בחור. איך האָב אָנגעהויבן אויף ייִדיש און ער האָט געענטפֿערט, נאָר נאָך אַ ביסל האָט ער געזאָגט – „איר רעדט ייִדיש אַזוי ווי איך רעד ענגליש" און מיר זײַנען אַריבער אויף ענגליש.

דער בחור האָט מיר געהאָלפֿן אויסצופֿילן עטלעכע פּאַפּירן, כּדי איך זאָך זיך קענען פֿאַרשרײַבן; מײַן נאָמען און אַדרעס, ווו איך האָב געאַרבעט, אין וועלכער חסידישער שול איך האָב זיך געלערנט. די אָנווײַזונגען זײַנען

געווען אויף יידיש און אויף ענגליש, וואָס איז מיר געפֿעלן.
ס'איז געווען אַ גאַנצע רשימה פֿון מעגלעכע שטעלעס, געשעפֿטן וואָס באַדאַרפֿן אַרבעטער. דער בחור האָט מיך געפֿרעגט, צי איך וויל אַרבעטן מיט אינסטאַלירן סאַטעליט־אַנטענעס – ניין, האָב איך געזאָגט, איך וויל אַן אַרבעט וווּ איך קען רעדן יידיש מיט עמעצן. ווײַטער געטראַכט. אַרבעטן מיט אַנטוויקלן פֿאָטאָגראַפֿיעס? ניין. זײַן אַ סאַרווער אין אַ רעסטאָראַן? אפֿשר. אָבער דער בחור האָט מיר נישט געקענט העלפֿן, איך האָב געדאַרפֿט וואַרטן אויף דעם שעף, מיסטער גאָטליב. מיסטער גאָטליב קען מיר העלפֿן.
ער איז נישט געווען דער איינציקער – קורץ נאָך דעם ווי מיסטער גאָטליב איז אָנגעקומען, איז אַרײַנגעקומען נאָך אַ חסיד, אַן עלטערער. ער האָט מיך אנגעקוקט און געזאָגט: „אַ באַקאַנטע פּנים" – צי איך האָב קרובֿים אין דער געגנט? ניין, האָב איך נישט. דער חסיד איז געקומען פֿון אַרגענטינע, רעדט פֿליסיק שפּאַניש, וואָס קומט איינעם צו ניץ אין וויליאַמסבורג צווישן אַזוי פֿיל פּוערטאָ־ריקאַנער. „איך קען אײַך העלפֿן – איך בין אַ שדכן".
אוּוואַ! איך האָב זיך אָבער קיין מאָל נישט ווידער געטראָפֿן מיט דעם אַרגענטינער שדכן און ביז הײַנט בלײַב איך, נעבעך, אַ בחור.
מיסטער גאָטליב האָט געוווּסט ווי צו העלפֿן. ערשט האָט ער געמאַכט אַ קורצן אינטערוויו: „וואָס האָט איר שטודירט?" „דאָס מיטלאַלטער – מיטלעלטערישע שפּראַכן" האָב איך אים געענטפֿערט. „וואָס איז דאָס?" האָב איך אים געדאַרפֿט דערקלערן וואָס איז מיטלאַלטער, פֿונעם יאָר 300 ביז אַרום 1500 – לויט דעם גויִשן קאַלענדאַר. דאָס האָט נישט געמאַכט דעם בעסטן אײַנדרוק.
איך האָב מיסטער גאָטליב געגעבן צו פֿאַרשטיין וואָס איך וויל: אַן אַרבעט וווּ איך קען רעדן יידיש מיט די אַנדערע אַרבעטערס. ער האָט געטראַכט אַ ביסל. „קענט איר אײַנפּאַקן באַטעריעס? קענט ברענגען אַ חבֿר, זיצן און שמועסן בשעת איר פּאַקט אײַן די באַטעריעס".
יאָ, דאָס איז נישט שלעכט, האָב איך געמיינט. איך האָב באַקומען דעם אַדרעס פֿון דעם מאַגאַזין, מיסטער גאָטליב האָט מיר געזאָגט זײַ געזונט, און איך האָב זיך פֿאַרגעשטעלט ווי שיין עס וועט זײַן אײַנצופּאַקן באַטעריעס אין אַ מאַגאַזין מיט חסידים.
ווען איך בין געקומען צו דעם מאַגעזין איז עס אָבער געווען אַן אַנטוישונג. דער מאַגאַזין איז געווען אין דער געגנט „ביי־רידזש", נישט אין באָראָ־פּאַרק אָדער וויליאַמסבורג. די אַרבעטערס זײַנען געווען צום מערסטן טייל ישׂראלדיקע, און נישט קיין שיינהייטן. אַ גרויסער חסיד איז געווען דער אויפֿזעער. ער האָט געברומט די באַפֿעלן, אָבער ער איז נישט געווען דער באָס. אויף אים האָב איך געדאַרפֿט וואַרטן אַ פּאָר מינוט, איידער ער איז אָנגעקומען אין זײַן גרויסן, שיינעם „עס־יו־ווי". איך האָב געהערט די ישׂראלים רעדן צווישן זיך – „מיסטער געלט" איז אָנגעקומען.
ער האָט אָבער נישט געוואָלט רעדן מיט מיר. געשמועסט האָט ער מיט דעם

אויפֿזעער, איך האָב געוואַרט אַליין אַ פּאָר מעטער ווײַטער. נאָכן שמועס איז דער גרויסער אויפֿזעער צוגעקומען צו מיר. „דו ווילסט אַרבעטן דאָ?" האָט ער געפֿרעגט. „יאָ". „דאַן קום מיט מיר". מיר זײַנען אויפֿגעגאַנגען אַ טרעפּ און אַרײַן אין אַ קליין צימערל. דאָרט איז געזעסן אַ חסידישער בחור, פֿאַר אים אַ באַרג פֿון באַטעריעס. ער האָט געשמייכלט און מיר געגעבן די האַנד. „דו וועסט אַרבעטן מיט אים", האָט דער אויפֿזעער געזאָגט. „אָבער איין מינוט - איך דאַרף רעדן מיט אים. ווייט מי עט דהע דאָר". האָב איך ווײַטער געוואַרט, און געהערט דורך דער טיר וואָס קומט פֿאָר אין דעם צימערל. „ניין, דו האָסט נישט קיין אַנדער אַרבעט, נאָר אײַנפּאַקן באַטעריעס! עס מאַכט מיר נישט אויס, צי עס ווערט דיר נימאס. פּאַק אײַן די באַטעריעס!" האָט ער ממש געשריגן. אַ רחמנות אויף דעם יונגן חסידל, האָב איך געטראַכט. אוי, אפֿשר איז דאָס נישט פֿאַר מיר, אַרבעטן אײַנפּאַקן באַטעריעס.

דער אויפֿזעער איז אַרויסגעקומען און האָט אָנגעהויבן אַ צווייטע רעדע. „איך בין דאָ דער שעף. דו טוסט וואָס איך זאָג. נײַן ביז פֿינף מאָנטיק ביז דאָנערשטיק."

איך האָב אָבער אַ קלאַס בײַ קאָלומביע יעדן דאָנערשטיק פֿיר אַ זייגער, וועל איך דאַרפֿן אָוועקפֿאָרן פֿרײַ.

„נײַס טו מיט יו. העוו אַ גוד דיי" - מײַן שטעלע פֿאַרלוירן. איך בין אַהיימגעפֿאָרן קיין מאַנהעטן אָן אַרבעט, אָן ייִדיש־רעדערס.

איך בין אַ פּאָר מאָל צוריקגעקומען צו דער אַרבעט־פֿאַרמיטלונג זוכן עפּעס אַנדערש, אפֿשר לערנען ענגליש אין אַ ישיבֿה, אָבער מיסטער גאָטליב האָט מיר נישט מער געוואָלט העלפֿן. איך האָב קיין מאָל נישט באַקומען קיין שטעלע. הײַנט, ווו איך אַרבעט בײַם „פֿאָרווערטס", פֿרעג איך זיך נאָך - ווי וואָלט מײַן לעבן געווען אַנדערש ווען איך וואָלט טאַקע געהאָלפֿן דעם אָרעמען בחור אײַנצופּאַקן באַטעריעס?